# א מעשה'לע

גליון ט'

פרשת בה"ב תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## אַלֶעס רוּפְט מֶען
## אוֹיס אִין הִימְל

אֵיינְס... צְוֵוי... דְרַיי...
נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אַ מְחוּצָף
דִי פֵייגֶעלֶע, אִיךְ וֶועל אִים
נָאךְ בַּאלְד כַאפְּן.

אֵיינְס... צְוֵוי... דְרַיי...
נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, וָואס גֵייט
פָאר? דִי פֵייגְלֶעךְ פְלִיעֶן
אַזוֹי שְׁנֶעל אַוֶועק... אִיךְ
גֵיי פְּרוּבִּירְן נָאךְ אֵיינְמָאל,

אֵיינְס... צְוֵוי... דְרַיי...
כַאפּ...! גֶעלוּנְגֶען,
אַרַיינְגֶעכַאפְּט!

הָאסְט גֶעהֶערְט דִי בַּת
קוֹל: "סְפִּיקוֹלָא"? דָאס
מֵיינְט גֶעכַאפְּט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה
הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער



אוּפְּס, סְ׳אִיז אַוֶועקְגֶעפְלוֹיגְן...

הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אַרוֹיס פוּן דִי הֵייל נָאכְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן דִי רוֹימֶער פַּאר דְרַייצְן יָאר, דִי רוֹימֶער הָאבְּן גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי גוֹיִם, זֵיי ווִילְן מַאכְן דִי אִידְן זָאלְן טוּן עֲבֵירוֹת, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט בַּאהַאלְטְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי אַ פַּאנְגֶער פַּאנְגְט פֵייגְלֶעךְ אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, בִּיז עֶר הֶערְט אַ בַּת קוֹל וָואס זָאגְט: "סְפִּיקוּלָא", דָאס מֵיינְט גֶעכַאפְּט; הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: "קוּק, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פֵייגֶעלֶע קֶען מֶען נִישְׁט פַאנְגֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל מֶען זָאל אִיר פַאנְגֶען, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז קֵיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז מֶען רוּפְט דָאס אוֹיס אִין הִימְל".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט טוּן; מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי... רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי..."

# ספר המידות

## בָּנִים - חלק א'

מה. כָּל הַמַּבְדִּיל עַל הַיַּיִן בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת, הַוְיָן לֵהּ בָּנִים זְכָרִים וּרְאוּיִין לְהוֹרָאָה.

מה. דֶער וָואס מַאכְט הַבְדָלָה אוֹיף וַויין אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אִינְגְלֶעךְ, אוּן זֵיי וֶועלְן זַיין רָאוּי צוּ קֶענֶען פַּסְקְ'ענֶען שְׁאֵלוֹת.



קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691